Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער
# טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 13, נומער 5 (65)

סיון תשס"ח/יוני 2008

## הונדערט יאָר טשערנאָוויץ[1] (1908 – 2008)

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט אַ גרופּע ייִדן זיך פֿאַרזאַמלט אין דער בוקאָווינער הויפּטשטאָט טשערנאָוויץ און פּראָקלאַמירט פֿאַר דער גאַנצער וועלט אַז... ייִדן זײַנען אַ פֿאָלק און ייִדיש איז אַ שפּראַך !

### אַ שטיקל געשיכטע

כמעט[2] 1000 יאָר אַז ייִדן אין אייראָפּע האָבן גערעדט – און אויך געשריבן – ייִדיש, און אַז מע האָט זיי אײַנגערעדט[3] אַז דאָס איז ניט קיין אמתע[4] שפּראַך. נאָר די ייִדן האָבן זיך געמאַכט ניט ווײסנדיק[5] און ווײַטער גערעדט זייער לשון[6]. אין 18טן יאָרהונדערט איז אין דײַטשלאַנד אויפֿגעקומען די השׂכּלה[7] און געפֿאָדערט, אין נאָמען פֿון אויפֿקלערונג[8] און ציוויליזאַציע, אַז ייִדן זאָלן אַרויסוואַרפֿן דעם ווילדן „זשאַרגאָן“, אַ געמיש פֿון דײַטש, סלאַוויש, העברעיִש און אַרמיש[9], אָן גראַמאַטיק, אָן סטרוקטור, אָן איידלקייט[10], אָן ייִחוס[11], און רעדן ריין העברעיִש און ריין דײַטש. דאָס איז טאַקע געלונגען[12] אין דײַטשלאַנד, נאָר אין די שטעט און שטעטלעך פֿון מיזרח[13]־אייראָפּע האָט דאָס פֿאָלק נישט געקענט גענוג דײַטש אָדער העברעיִש צו פֿאַרשטיין וואָס מען עצהט[14] אים. האָבן די משׂכּילים[15] – כּדי[16] צו פֿאַרשפּרייטן זייערע אידעעס בײַם פּראָסטן פֿאָלק – געמוזט זיך אויסדריקן אין „זשאַרגאָן“. פֿון דעם איז ביסלעכווײַז אַרויסגעוואַקסן אַ מאָדערנע ייִדישע ליטעראַרישע שפּראַך. מענדעלע מוכר־ספֿרים[17], „דער זיידע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור“, וואָס האָט ביז דעמאָלט געשריבן אויף העברעיִש, האָט אין 1864 גענומען שרײַבן אויף מאַמע־לשון[18]. אַזוי אַרום האָט זיך ביז אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט אַנטוויקלט אַ ייִדישע ליטעראַטור, מיט פֿעיִקע[19] שרײַבער און געטרײַע לייענער, מיט פֿאַרלאַגן[20], דרוקערײַען, ביכערקראָמען און קריטיקער. נאָר קיין אָפֿיציעלע אָנערקענונג[21] איז נאָך ניט געווען, קיין אינסטיטוציע, ווי בײַ אַנדערע פֿעלקער, וואָס זאָל קענען פֿאָרשן[22] און רעגולירן די שפּראַך. טאָ וואָס טוט מען ? מע רופֿט צונויף אַ שפּראַך־קאָנפֿערענץ.

### אַ קאָנפֿערענץ ווו מע רעדט ייִדיש

די אידעע פֿון אָט דער קאָנפֿערענץ איז געקומען פֿון נתן[23] בירנבוים (זע ז' 2), אַ ייִד פֿון עסטרײַך, אַ דײַטש רעדנדיקער, וואָס האָט אין יענער צײַט אַפֿילו[24] ניט גערעדט קיין ייִדיש.

אין דער עסטרײַכישער אימפּעריע האָבן מינדערהייט־פֿעלקער[25] געהאַט געוויסע רעכט (שפּראַך, רעליגיע, אויסבילדונג...) און איינע



**פֿינף אָנטייל־נעמער אין דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ, פֿון רעכטס צו לינקס : ה.ד. נאָמבערג, ח. זשיטלאָווסקי, ש. אַש (שטייט), י.ל. פּרץ, אַ. רייזען.**

פֿון די קריטעריעס צו דעפֿינירן וואָס איז אַ פֿאָלק איז געווען שפּראַך. בירנבוים האָט גערעכנט אַז מיט אַן אָפֿיציעלער אָנערקענונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך, וואָלטן ייִדן באַקומען אַ סטאַטוס פֿון „נאַציאָנאַלער מינדערהייט“. אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענץ וואָלט געקענט אונטערשטיצן[26] אָט דעם ציל[27].

בעת[28] אַ באַזוך אין אַמעריקע אין פֿרילינג 1908 האָט בירנבוים זיך געטראָפֿן מיט פֿאַרשיידענע ייִדישיסטן, דער עיקר[29] מיט חיים זשיטלאָווסקין[30] און דוד פּינסקין[31]. ביידע האָבן גלײַך מסכּים געווען[32] צו האַלטן אַ קאָנפֿערענץ דעם קומענדיקן זומער. זיי האָבן אויסגעקליבן טשערנאָוויץ – אַ וויכטיקע, פֿילשפּראַכיקע שטאָט מיט אַ גרויסער ייִדישער באַפֿעלקערונג. זשיטלאָווסקי האָט אָנגעשריבן די אײַנלאַדונג[33], וואָס האָט פֿאָרגעלייגט אַ סדר־היום[34] מיט 10 פּונקטן, צווישן זיי : ייִדישע גראַמאַטיק און אויסלייג[35], די ייִדישע פּרעסע,

[סוף זײַט 2]

1. Czernowitz, autrefois capitale de la Bucovine (Empire austro-hongrois), aujourd'hui Chernivtsi (Ukraine)/Czernowitz, once capital of Bukovina (Austro-Hungarian empire), today Chernivtsi (Ukraine) 2. kima't presque/nearly 3. persuadé/persuaded 4. e'mese vrai/real 5. ont fait comme si de rien n'était/ignored 6. loshn langue/language 7. haskole Lumières juives/Jewish Enlightenment 8. Lumières/enlightenment 9. aramish araméen/Aramaic 10. finesse 11. yikhes noblesse/nobility 12. réussi/succeeded 13. mizrekh oriental/Eastern 14. eytset conseille/(they) advised 15. maskilim adeptes des Lumières/adherents of the Enlightenment 16. kede'y afin de/in order to 17. Mendele Moykher-Sforim 18. ...-loshn yiddish 19. compétents/capable 20. maisons d'édition/publishers 21. reconnaissance/recognition 22. faire des recherches/do research 23. nosn 24. afile même/even 25. peuples minoritaires/minority groups 26. soutenir/support 27. but/aim 28. beys pendant/during 29. ... iker en particulier/particularly 30. Khaim Zhitlovski 31. Dovid Pinski 32. maskim ... étaient d'accord/agreed 33. invitation 34. seyder-hayom ordre du jour/agenda 35. orthographe/spelling

[סוף פֿון זײַט 1]

טעאַטער, עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, אויסבילדונג פֿון קינדער, דאָס שאַפֿן אַן אינסטיטוציע וואָס זאָל קענען פֿאָרשן די שפּראַך און לייזן[36] פּראָבלעמען ווי אויסלייג צי דיאַלעקט. און אַוודאי[37] די אָנערקענונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך. מע האָט עס געשיקט ייִדישע שרײַבער, פּאָליטיקער און קולטור־טוער[38] און אויך פּובליקירט אין דער ייִדישער פּרעסע.

## די פֿינף טעג

די קאָנפֿערענץ האָט זיך געעפֿנט דעם 30סטן אויגוסט 1908. ס׳זענען אָנגעקומען 70 דעלעגאַטן, אַ סך זשורנאַליסטן און צוהערערס. צווישן די באַקאַנטע נעמען זײַנען געווען די שרײַבער יצחק־לייבוש פּרץ[39], הירש־דוד נאָמבערג, שלום אַש[40], אַבֿרהם רייזען[41], דער לינגוויסט נח פּרילוצקי[42] און אַוודאי די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן בירנבוים און זשיטלאָווסקי. שלום־עליכם[43] און מענדעלע האָבן נישט געקענט קומען, נאָר זיי האָבן געשיקט טעלעגראַמען.

קיין פּראָטאָקאָל[44] האָט מען ניט געמאַכט, נאָר מיט 20 יאָר שפּעטער האָט מען רעקאָנסטרויִרט די זיצונגען לויט די געשריבענע רעדעס און די באַריכטן אין די צײַטונגען.

דער ערשטער האָט גערעדט בירנבוים, וואָס האָט געמוזט פֿאָרלייענען זײַן רעדע, ווײַל רעדן ייִדיש האָט ער נאָך נישט געקענט. דער צווייטער איז געווען פּרץ – שוין אַ צענטראַלע פֿיגור אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אַ גלענצנדיקער[45] רעדנער. זייער אַ וויכטיקע רעדע האָט געהאַלטן אַ כּמעט אומבאַקאַנטער יונגער־מאַן, אַ לינגוויסט, אַ פֿאָרשער און אַ פֿאַרטיידיקער[46] פֿון ייִדיש, מתּתיהו מיזעס[47] (1885–1945). ער האָט זיך געלערנט אין ווין[48] און בערלין און צו 18 יאָר האָט ער שוין געקענט 10 שפּראַכן. פּרץ האָט אָנגערופֿן זײַן רעפֿעראַט[49] „די ערשטע וויסנשאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונג[50] אויפֿן געביט פֿון ייִדישער שפּראַכפֿאָרשונג“. די קאָנפֿערענץ האָט געדויערט פֿינף טעג. אין דער פּרעסע האָט מען זי אַטאַקירט (אַחד־העם[51] צום בײַשפּיל האָט געזאָגט אַז ס׳איז ניט קיין שפּראַך־קאָנפֿערענץ נאָר אַ שמד[52]־קאָנפֿערענץ), נאָר אַנדערע זשורנאַליסטן האָבן געהאַלטן אַז די אונטערנעמונג[53] איז אַ גרויסע דערגרייכונג[54].

## אַ ביטערע פּאָלעמיק

פֿון אַלע פּונקטן וואָס מע האָט דעבאַטירט האָט איין איינציקער אַרויסגערופֿן ביטערע פּאָלעמיקעס : די פֿראַגע (וואָס איז נישט געווען אויפֿן סדר־היום) פֿונעם שײַכות[55] צווישן ייִדיש און העברעיִש. דאָס איז אַוודאי געווען פֿאַרבונדן מיט פּאָליטיק. די צוויי עקסטרעמע פּאָזיציעס זענען געווען פֿאַרטראָטן דורך די העברעיִסטן – דער עיקר די ציוניסטן[56] – וואָס האָבן געהאַלטן אַז העברעיִש איז די נאַציאָנאַלע ייִדישע שפּראַך און ייִדיש איז אַ פֿאָלקסשפּראַך, אַ גלות[57]־שפּראַך וואָס וועט פֿאַרשווינדן מיטן סוף[58] פֿון גלות. די ייִדישיסטן האָבן געטענהט[59] אַז ייִדיש איז די איינציקע גרויסע לעבעדיקע שפּראַך פֿון ייִדישן פֿאָלק און אַז העברעיִש איז נאָר די שפּראַך פֿון תּפֿילה[60] און בית־מדרש[61].

צום סוף האָט מען אָנגענומען אַ קאָמפּראָמיס : מע האָט פּראָקלאַמירט ייִדיש ווי **אַ** (ניט די) נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון ייִדישן פֿאָלק.

די ראָלע פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ איז דער עיקר סימבאָליש. דער פּרעסטיזש פֿון דער ייִדישער שפּראַך איז אַ דאַנק איר אַ סך געוואַקסן. זי האָט דערמוטיקט[62] פֿאָרשער און קולטור־טוער זיך צו פֿאַרנעמען מיט ייִדיש אויף אַן ערנסטן אופֿן[63]. קיין שפּראַך־אינסטיטוט האָט מען נישט געשאַפֿן, נאָר עטלעכע יאָרן שפּעטער, אין 1925, איז געגרינדעט געוואָרן דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט (ייִוואָ)[64]. ביז 1940 האָט ער זיך געפֿונען אין ווילנע. הײַנט צו טאָג אַרבעט ער נאָך אין ניו־יאָרק, אין אַ שיינעם בנין[65] אויף דער 16טער גאַס – נאָר דאָס איז שוין אַן אַנדער מעשׂה[66]...

36. résoudre/solve 37. AVADE bien sûr/of course 38. militants/activists 39. Yitskhok-Leybush Peretz 40. Sholem Ash 41. Avrom Reyzn 42. Noyekh Prilutski 43. Sholem-Aleykhem 44. compte rendu/minutes 45. brillant/brilliant 46. défenseur/defender 47. Matesyohu Mieses 48. Vienne/Vienna 49. conférence/lecture 50. étude scientifique/scientific study 51. AKHAD-HAAM, auteur hébreu/Hebrew author 52. SHMAD apostasie/apostasy 53. entreprise/venture 54. accomplissement/achievement 55. SHAYKHES rapport/relation 56. TSIENISTN sionistes/Zionists 57. GOLES exil/Exile 58. SOF fin/end 59. GETAYNET soutenaient/argued 60. TFILE prière/prayer 61. BES-MEDRESH synagogue 62. encouragé/encouraged 63. OYFN manière/way 64. YIVO 65. BINYEN immeuble/building 66. MAYSE histoire/story.



# נתן בירנבוים[1] (1864 – 1937)



נתן בירנבוים איז געווען גאָר אַ שעפֿערישע[2] און פֿילזײַטיקע פּערזענלעכקייט. ער איז געבוירן געוואָרן אין ווין[3] און גערעדט דײַטש, נאָר איז שטענדיק געווען אַ שטאַרקער קעגנער[4] פֿון אַסימילאַציע. ער האָט זיך אויסגעלערנט העברעיִש אין דער היים און ווען ער איז נאָך געווען אַ סטודענט אויף דער ווינער אוניווערסיטעט האָט ער געגרינדעט אַ ייִדישע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט אָנגערופֿן „קדימה“[5] – אַ פֿאָרויסגייער[6] פֿון דעם מאָדערנעם ציוניזם[7]. דאָס האָט ער, אַגבֿ[8], געניצט צום ערשטן מאָל דאָס וואָרט „ציוניזם“, אין אַ זשורנאַל אין 1890. ער האָט געלייענט די ביכער פֿון טעאָדאָר הערצל און איז געווען זייער אַקטיוו אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס (באַזל[9] 1897). שפּעטער האָט ער זיך צעקריגט מיט הערצלען, איז אַוועק פֿון דער באַוועגונג און געוואָרן אַ פֿאַרברענטער ייִדישיסט. ייִדן זײַנען שוין אַ פֿאָלק דאָ אין אייראָפּע, האָט ער געטענהט[10], און זיי האָבן אַ שפּראַך, ייִדיש. ער האָט זיך אַרײַנגעוואָרפֿן מיט אַלע כּוחות[11] אינעם קאַמף פֿאַר דער אָנערקענונג פֿון ייִדיש און געווען דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער שפּראַך־קאָנפֿערענץ אין טשערנאָוויץ (1908). דערנאָך האָט ער זיך פֿאַרטיפֿט אין רעליגיעזע שטודיעס און געוואָרן גאָר פֿרום. אין 1919 איז ער געוואָרן גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון אַגודת־ישׂראל[12], די וועלט־אָרגאַניזאַציע פֿון שטרענג פֿרומע ייִדן. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געשריבן אויף דײַטש, העברעיִש און ייִדיש. אין 1935 איז ער אַוועק פֿון בערלין און זיך באַזעצט אין האָלאַנד, ווו ער איז געשטאָרבן אין 1937.

1. NOSN Nathan Birnbaum 2. créatif/creative 3. Vienne/Vienna 4. opposant/opponent 5. KADIMA 6. précurseur/precursor 7. TSIENIZM sionisme/Zionism 8. AGEV à propos/by the way 9. Bâle/Basel 10. GETAYNET soutenait/argued 11. KOYKHES forces/strength 12. AGUDES-YISRO'EL mouvement religieux orthodoxe fondé en 1912/Orthodox religious movement founded in 1912.

# גילגולים[1]

## אַ נײַער ליטעראַרישער זשורנאַל[2] אויף ייִדיש

דעם פֿרילינג איז אַרויס אין פּאַריז דער ערשטער נומער פֿון גילגולים – אַ נײַער ייִדישער ליטעראַרישער זשורנאַל, אונטער דער רעדאַקציע פֿונעם שרײַבער און דירעקטאָר פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק, זשיל ראָזיע[3]. דער ייִדישער טעם־טעם האָט אים געשטעלט אַ פּאָר פֿראַגעס.




**דער ייִדישער טעם־טעם :** פֿאַר וואָס אַ ייִדישער ליטעראַרישער זשורנאַל אין 2008 ?

**זשיל ראָזיע :** פֿונעם עלטערן דור[4] ייִדישע שרײַבער זענען נאָך פֿאַראַן אַ פּאָר גוטע פּאָעטן און פּראָזאַיִקער, אָבער זיי האָבן מער ניט געהאַט ווּ צו דרוקן[5] זייערע ווערק. דערצו איז אויסגעוואַקסן, דער עיקר[6] פֿונעם געוועזענעם סאָוועטישן באָדן[7], אַ דור מיטליעריקע ייִדישע שרײַבער, וואָס האָבן אויך געדאָרשט[8] נאָך אַן עכט[9] ליטעראַרישן זשורנאַל. עס דאַכט זיך מיר אַז ס'איז פֿאַראַן אַ נײַער דור שרײַבער, דער עיקר מענטשן וואָס שרײַבן שוין אין זייער מוטערשפּראַך (ענגליש, דײַטש, העברעיִש, רוסיש, פֿראַנצייזיש...), וואָס ווילן עפּעס אויסדריקן[10] אויף ייִדיש, וואָס זיי קענען ניט אויסדריקן אין קיין אַנדער שפּראַך. אינעם ערשטן נומער *גילגולים* איז די אָ קאַטעגאָריע פֿאָרגעשטעלט[11] דורך יונגע שרײַבער ווי שלום[12] בערגער, ישׂראל[13] נעקראַסאָוו, צי טאָמאַס סאָקסבערגער. איך בין זיכער אַז אין די ווײַטערדיקע נומערן וועלן מיר אַנטדעקן נײַע טאַלאַנטן.

**טעם־טעם :** צי וועט דער זשורנאַל דערשײַנען[14] רעגולער ?

**זש. ר. :** רעגולער יאָ, נאָר ניט אַזוי אָפֿט ! *גילגולים* וועט דערשײַנען איין מאָל אַ יאָר. אין דעם זינען[15] איז עס מער אַן אַלמאַנאַך ווי אַ זשורנאַל – דערווײַל. לאָמיר זאָגן אַז ס'איז אַן אָנהייב. און אין אָנהייב האָב איך נישט געוואָלט פֿילן קיין דרוק אין שײַכות[16] מיט געפֿינען טעקסטן. איך לייען די טעקסטן וואָס איך באַקום און באַשטים[17], צי איך וועל זיי אַרײַננעמען אין זשורנאַל. ווען איך האָב אַ ספֿק[18], שמועס איך מיט אַ גרופּע גוטע פֿרײַנד און ליבהאָבער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און מיר באַשטימען צוזאַמען. אַלע אָנגענומענע טעקסטן ווערן איבערגעלייענט דורך יצחק[19] ניבאָרסקין, וואָס איז דער לינגוויסטישער בעל־יועץ[20] פֿונעם זשורנאַל. איך בין זייער צופֿרידן אַז ער האָט מסכּים געווען[21] דאָס צו טאָן, בכדי[22] *גילגולים* זאָל האָבן אַ גוטן ניוואָ פֿון ייִדיש.

**טעם־טעם :** דער אונטערטיטל פֿון זשורנאַל איז „נײַע שאַפֿונגען“. אינעם ערשטן נומער איז דאָ דער עיקר פּאָעזיע, אַחוץ[23] איין דערציילונג פֿון אַלכּסנדר[24] שפּיגלבלאַט, אָבער אויך איבערזעצונגען און – אין דער רובריק „בירושה[25]“ – איבערגעדרוקטע לידער פֿון לייב נײַדוס. זיי זענען ניט ממש[26] קיין נײַע.

**זש. ר. :** דאָס איז אמת[27]. וואָס שייך[28] די איבערזעצונגען, דאַכט זיך מיר, אַז אַ שפּראַך און אַ ליטעראַטור בלײַבן לעבעדיק ווען אַנדערע ליטעראַרישע טראַדיציעס פֿליסן ווײַטער דורך זיי. אינעם ערשטן נומער ווערן פּובליקירט לידער פֿון שפּאַנישן רענעסאַנס און אַ פּאָר לידער פֿונעם באַרימטן גריכישן פּאָעט קאָנסטאַנטינאָס קאַוואַפֿיס. איצט וועגן דער רובריק „בירושה“ : דער נאָמען רעדט פֿאַר זיך. די ייִדישע ליטעראַטור איז אַן אוצר[29], אַ מין[30] אַלי־באַבאַס הייל[31] אין וועלכער די יונגע ייִדישע שרײַבער מוזן גנבֿענען[32] קלאַנגען[33] און ווערטער. צום באַדויערן[34], איז הײַנט ניטאָ קיין סך ייִדישע ביבליאָטעקן אויף דער וועלט, און דאָס רובֿ[35] ייִדיש־לייענער געפֿינען זיך אין אַן אָרט ווו עס איז זיי שווער אויפֿצומישן[36] אַ ייִדיש בוך. אין דער צוקונפֿט, מיט דער הילף פֿון אינטערנעץ, און ווען די גרויסע ביבליאָטעקן וועלן אָנהייבן דיגיטאַליזירן ייִדישע ביכער, וועט זײַן גרינגער. נאָר דערווײַל איז דאָס שווער. דערפֿאַר דאַרף מען כּסדר[37] אַרויסגראָבן[38] די בריליאַנטן פֿון אונדזער ליטעראַטור בכדי דער לייענער זאָל זיי אַנטדעקן אָדער לייענען פֿון דאָס נײַ. אַזוי טוען אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט.



1. GILGULIM métamorphoses 2. revue/journal 3. Gilles Rozier 4. DOR génération 5. publier/publish 6. ... IKER surtout/mainly 7. sol/ *here* territory 8. étaient assoiffés/were thirsting for 9. authentique/authentic 10. exprimer/express 11. représenté/represented 12. SHOLEM 13. YISROEL 14. paraître/come out 15. dans ce sens/in this sense 16. ... SHAYKHES en rapport/related to 17. décide 18. SOFEK doute/doubt 19. YITSKHOK 20. BAL-YOYETS conseiller/adviser 21. MASKIM ... était d'accord/agreed to 22. BIKHDE'Y afin que/in order to 23. AKHU'TS à part/except for 24. ALEKSANDER 25. BEYERUSHE en héritage/(from our) legacy 26. ... MAMESH pas vraiment/not really 27. EMES vrai/true 28. ... SHAYEKH quant à/as for 29. OYTSER trésor/treasure 30. sorte/sort of 31. caverne/cave 32. GA'NVENEN voler/steal 33. sons/sounds 34. malheureusement/unfortunately 35. ROV majorité/most 36. ouvrir/open 37. KESEYDER toujours/constantly 38. mettre au jour/dig up.

פֿאַר אָנהייבער

# לידער פֿון אַ. לוצקי

אַ. לוצקי (פּסעוודאָנים[1] פֿון אַהרן[2] צוקער, 1957–1894) איז אויפֿגעוואַקסן אינעם שטעטל לוצק אין וואָלין[3] (אוקראַיִנע). אין עלטער פֿון[4] 20 יאָר איז ער אַוועק אין ניו־יאָרק. ער האָט אויסגעאַרבעט אַן אייגנאַרטיקן[5] סטיל וואָס האָט ניט זײַן גלײַכן[6] אין דער ייִדישער פּאָעזיע. זײַנע ווערטער זײַנען גאָר פּשוט[7] נאָר די בילדער און געדאַנקען זײַנען ראַפֿינירט. קינדווײַז[8] איז ער געווען אַ משורר[9] בײַ אַ חזן[10] און זײַנע לידער האָבן אַן אָריגינעלן ריטעם און מוזיקאַלישקייט. ביז הײַנט צו טאָג ווערן זיי אָפֿט רעציטירט דורך ייִדישע אַקטיאָרן.



### יענער נעבעך[11]...

ווער איז אַ נאַר[12] ?
יענער.

ווער זעט אויס אַלט ?
יענער.

ווער איז געשטאָרבן ?
יענער.

יעדער[13] איך
בײַ זיך
איז קלוג.

יעדער איך
בײַ זיך
איז יונג.

יעדער איך
בײַ זיך
לעבט אייביק[14]...

### דער חשק[15] איז גרויס...

הונגעריק.
וויפֿל ווילסטו עסן ?
פֿולע טעפּ[16].

דורשטיק.
וויפֿל ווילסטו טרינקען ?
אַ פֿולע פֿאַס[17].

שלעפֿעריק.
וויפֿל ווילסטו שלאָפֿן ?
אַ גאַנצן דור[18].

פֿאַרבענקט[19].
וויפֿל ווילסטו ליבן ?
אָן אַ סוף[20]...

איצטער לאָמיר זען –
וויפֿל קאָן אַ מענטש.

הונגעריק :
וויפֿל קאָנסטו עסן ?
אַ נאַש[21].

דורשטיק :
וויפֿל קאָנסטו טרינקען ?
אַ פֿלאַש[22].

שלעפֿעריק :
וויפֿל קאָנסטו שלאָפֿן ?
אַ נאַכט.

פֿאַרבענקט :
וויפֿל קאָנסטו ליבן ?
אַ שעה[23] ...

אָבער דער חשק – איז זייער גרויס...

1. pseudonyme/pseudonym 2. ARN 3. Volhynie/Volhynia 4. à l'âge de/at the age of 5. original 6. pareil/equivalent 7. POSHET simples/simple 8. dans son enfance/as a child 9. MESHOYRER choriste à la synagogue/choirboy in a synagogue 10. KHAZN chantre/cantor 11. l'autre, pauvre de lui/*lit.* "that one"(i.e., the other man), poor thing 12. idiot/fool 13. chaque/every 14. éternellement/forever 15. KHEYSHEK envie, désir/desire 16. pots *sing.* טאָפּ 17. tonneau/vat 18. DOR génération 19. soupirant/yearning 20. SOF fin/end 21. *ici* une bouchée/*here* a bite 22. bouteille/bottle 23. SHO heure/hour.

פֿאַר אָנהייבער

# דרײַ משלים[1] פֿון דובנער מגיד[2]

יעקבֿ[3] קראַנץ (1804–1741), בעסער באַקאַנט ווי דער דובנער מגיד, איז באַרימט[4] געוואָרן מיט זײַנע משלים, וואָס זײַנען פֿול מיט הומאָר און פֿאָלקס־חכמה[5]. אַ סך פֿון זיי דערציילט מען ביז הײַנט צו טאָג ווי „ייִדישע וויצן", נישט ווִיסנדיק פֿון וואַנען זיי שטאַמען.

ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין דער ליטע[6], אין דער ווילנער געגנט[7]. ער האָט זיך געלערנט מיט זײַן טאַטן, אַ רבֿ[8], און איז אַליין געוואָרן אַ מגיד, דאָס הייסט אַ פּריידיקער[9]. ער פֿלעגט אַרומפֿאָרן אין אַלע שטעט און שטעטלעך נאָר זיך געמאַכט אַ נאָמען ווי אַ פּריידיקער ווען ער האָט געלעבט אין דער שטאָט דובנאָ. משה מענדעלסאָן[10], וואָס האָט אים געהערט אין בערלין, האָט אים גערופֿן „דער ייִדישער עזאָפּ". ער האָט זיך באַפֿרײַנדט מיטן ווילנער גאון[11] און וועגן זיי דערציילט מען אַ סך אַנעקדאָטן. ער איז געווען זייער באַליבט בײַם פֿאָלק, ווײַל ער האָט נישט געשראָקן דעם עולם[12] מיט גיהנום[13] ווי אַנדערע מגידים. ער האָט געהאַלטן[14] אַז מענטשן דאַרפֿן זײַן גוט און פֿרום פֿאַר זיך אַליין און נישט צוליב שטראָף[15] און באַלוינונג[16]. ער האָט נישט דערלעבט צו זען זײַנע ווערק אין דרוק[17], נאָר שפּעטער האָט זיי אַרויסגעגעבן זײַנער אַ תּלמיד[18].



האָלצשניט פֿון אַרטור קאָלניק

### אַ משל אויף משלים

מען האָט אַ מאָל געפֿרעגט בײַם דובנער מגיד ווי אַזוי ער געפֿינט אַלע מאָל אַזאַ גוטן משל צוגעפּאַסט[19] צו יעדער טעמע. דער דובנער מגיד האָט געענטפֿערט : איך וועל עס אײַך דערקלערן מיט אַ משל :

אַ מאָל איז געווען אין רוסלאַנד אַ סאָלדאַט, זייער אַ גענִיטער[20], מיט אַ מעדאַל פֿאַר שיסן[21]. איין טאָג, דורכפֿאָרנדיק דורך אַ קליין שטעטל, האָט ער באַמערקט אויף אַ וואַנט אַ גאַנצע ריי[22] קרײַזן[23] און אין מיטן פֿון יעדן קרײַז אַ לאָך פֿון אַ קויל[24] ! „ווער קען זײַן אַזאַ פּרעכטיקער[25] שיסער אַז ער טרעפֿט יעדעס מאָל פּונקט אין מיטן ציל[26] ?" האָט ער זיך אַרומגעפֿרעגט[27], ביז מען האָט אים צוגעפֿירט[28] דעם שיסער – אַן אָרעם דאָרפֿסייִנגל[29], באָרוועס[30] און מיט צעריסענע[31] קליידער. „ווי האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזוי גוט צו שיסן אַז דו טרעפֿסט יעדעס מאָל אין ציל ?". „איך טו אַזוי – ענטפֿערט דאָס קינד – איך שיס אַרײַן אַ קויל אין וואַנט, און נאָך דעם נעם איך אַ קרייד[32] און איך מאַך אַ קרײַז אַרום דעם לאָך".

אַזוי טו איך אויך, האָט פֿאַרענדיקט דער דובנער מגיד. איך זוך נישט קיין משל אויף מײַן טעמע. פֿאַרקערט[33], ווען איך הער אַ גוטן משל פֿאַרגעדענק איך אים און שפּעטער געפֿין איך פֿאַר אים אַ פּאַסיקע[34] טעמע !

### אַ נאַר[35] ווייס ניט וואָס עס פֿעלט[36] אים

אַ רײַכער מאַן האָט אַ מאָל געפֿרעגט בײַם דובנער מגיד : „פֿאַר וואָס גייט איר צו גבֿירים[37] אָבער די גבֿירים קומען קיין מאָל נישט צו אײַך ?". האָט דער מגיד געענטפֿערט : „איך גיי צו די גבֿירים ווײַל איך האָב שׂכל[38] צו ווִיסן אַז עס פֿעלט מיר געלט. אָבער זיי קומען ניט צו מיר ווײַל זיי ווייסן ניט אַז עס פֿעלט זיי שׂכל".

### אַ זיכערע זאַך

מע האָט אַ מאָל געפֿרעגט דעם דובנער מגיד, פֿאַר וואָס אַ נגיד[39] וועט גיכער געבן אַ נדבֿה[40] אַ בלינדן אָדער אַ קרומען[41] אָרעמאַן, איידער אַן אָרעמאַן וואָס איז אַ תּלמיד־חכם[42]. האָט דער דובנער געענטפֿערט : „דאָס איז דערפֿאַר וואָס דער נגיד איז ניט זיכער, צי ער וועט אַליין ניט ווערן קרום אָדער בלינד. אָבער ער ווייסט אויף זיכער, אַז קיין תּלמיד־חכם וועט ער קיין מאָל ניט ווערן !".

לויט[43] דעם בוך *אַלע משלים פֿון דובנער מגיד*, געזאַמלט פֿון תּשר"ק[44] (ניו־יאָרק, 1925).



1. MESHOLIM *ici* paraboles/*here* parables, *sing.* משל MOSHL 2. … MAGID le Prédicateur de Dubno/the Preacher of Dubno 3. YANKEV 4. célèbre/famous 5. KHOKHME sagesse/wisdom 6. Lituanie/Lithuania 7. région de Vilna/Vilna region 8. ROV rabbin/rabbi 9. prédicateur/preacher 10. MOYSHE Moses Mendelsohn 11. … GOEN le Gaon de Vilna, grand talmudiste (1720-1797)/The Gaon of Vilna, brilliant talmudiste (1720-1797) 12. OYLEM public 13. GEHENEM enfer/hell 14. soutenait, croyait/held, believed 15. punition/punishment 16. récompense/reward 17. publié/in print 18. TALMID disciple 19. bien adapté/well-suited 20. chevronné/proficient 21. tir/shooting 22. série/series 23. cercles/circles 24. balle/bullet 25. fameux/wonderful 26. en plein dans le mille/right in the target 27. renseigné/asked all around 28. amené/brought him 29. petit paysan/little country boy 30. pieds nus/barefoot 31. déchirés/torn 32. craie/chalk 33. au contraire/just the opposite 34. approprié/suitable 35. idiot/fool 36. manque/lacking 37. GVIRIM les riches/rich men, *sing.* גבֿיר GVIR 38. SEYKHL intelligence 39. NOGID riche/rich man 40. NEDOVE aumône/alms 41. boiteux/lame 42. TALMID-KHOKHEM érudit/man of learning 43. selon/according to 44. TASHRA'K pseudonyme de Yisroel Zevin/pseudonym of Yisroel Zevin.

# מיניאַטורן פֿון משה נאַדיר[1]

משה נאַדיר ווערט באַטראַכט[2] ווי איינער פֿון די פֿײַנסטע סטיליסטן פֿון דער ייִדישער שפּראַך. ער האָט געשריבן לירישע ליבעלידער און צאַרטע[3] דערמאָנונגען פֿון „דער אַלטער היים", נאָר דער עיקר[4] סאַטירישע מיניאַטורן, פֿול מיט הומאָר, טיפֿקייט, סובטילער איראָניע – און אויטאָאיראָניע. מיר דרוקן דאָ אָפּ צוויי טעקסטן פֿון דער זאַמלונג פֿון מענטש צו מענטש (ניו־יאָרק, 1919), וואָס נעמט אַרום אַ הונדערט אַזעלכע מיניאַטורן. אַנשטאָט טיטלען האָבן זיי בלויז נומערן. די זאַצן זײַנען קורץ, מיט איבערחזרונגען[5] וואָס גיבן צו אַ ביבלישן ריטעם. אויך די פּונקטואַציע, מיט די טאָפּלפּונקטן אַנשטאָט פּינטעלעך, איז אַזוי ווי אין העברעיִשן תּנך[6].



**בוך פֿון משה נאַדיר „אַ לאָמפּ אַפֿן פֿענצטער" (ניו־יאָרק, 1929)**

XII

איך בין אַזוי גוט צו מיר : אַלע פֿאַרנאַכט נעם איך מיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר[7] : איך טראַקטיר[8] מיך מיט באָנבאָנעס[9] : איך מאַך מיר קאָמפּלימענטן : איך דריק מיך צו צום האַרץ : פֿונדעסטוועגן[10] לײַד[11] איך אַזוי שטאַרק פֿון מיר אַליין : קאָן איך פֿון מיר כמעט[12] נישט אויסהאַלטן[13] : אַלע אינדערפֿרי מוז איך אַרײַנוואַרפֿן די פֿיס[14] אין צוויי לײַוונטענע תּפֿיסות[15] : אַלע עטלעכע שעה[16] מוז איך מיר גיסן וואַסער אין האַלדז אַרײַן און געבן די ציין עפּעס צו טון : אַלע בײַנאַכט מוז איך מיך אַוועקטראָגן אין אַן אײַנגעמויערט שטיקל דרויסן[17] און זיך לייגן שלאָפֿן : עס איז **אַזאַ** אָנשטרענגונג[18], מײַנע ברידער : און ביז איך טו מיך אָן[19] און גיס אָפּ נעגלוואַסער[20] און קנאַק מיר אויס די ביינער[21] און דאַוון אָפּ[22] עטלעכע קאַפּיטלעך מאָרגנבלאַט[23] בין איך שוין ווידער מיד און איך מוז מיך שוין ווידער אַוועקטראָגן אין אַ ווינקל[24] און אַכטונג געבן אַז קיינער זאָל מיך נישט אויפֿוועקן : אַך ווי איך לײַד פֿון מיר אַליין : און אַך ווי עס זעט זיך נישט אַרויס[25] איך זאָל מיר ווען עס איז[26] גרינגער ווערן :

XV

לעגענדע : אַז גאָט האָט באַשאַפֿן[27] דעם הימל האָט ער געזען אַז ס'איז גוט : דאַן האָט ער באַשאַפֿן די ערד און האָט געזען אַז ס'איז גוט : דאַן האָט ער די ערד באַגראָזט[28] און ער האָט געזען אַז ס'איז גוט : דאַן האָט ער באַשאַפֿן טאָג און נאַכט און ער האָט געזען אַז ס'איז גוט : דאַן האָט ער באַשאַפֿן די באַשעפֿענישן[29] וואָס ווידמען זיך[30] אין וואַסער און ער האָט געזען אַז ס'איז גוט : דאַן האָט ער באַשאַפֿן די חיות[31] וואָס ווידמען זיך אויף דר'ערד און ער האָט געזען אַז ס'איז גוט : דאַן האָט ער באַשאַפֿן דעם מענטש אין זײַן אייגן געטלעך געשטאַלט[32] און ער האָט כלומרשט[33] געזען אַז ס'איז גוט : נאָר אַז ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער **אָפּשפּיגלונג**[34] **פֿון זײַן געשטאַלט** וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין גן־עדן[35] און געגענעצט[36] און זיך געקראַצט[37] הינטערן אויער האָט זיך דער הערגאָט[38] שרעקלעך פֿאַרשעמט[39] פֿאַר זיך אַליין און האָט אויפֿגעהערט[40] צו אַרבעטן : יעהאָוואַ[41] האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף דעם מענטש און האָט געטראַכט אַז אָדער ער איז אַ שלעכטער שפּיגל־מאַכער אָדער ער האָט טאַקע[42] זייער אַ נאַריש פּנים[43] : אין ביידע פֿאַלן[44] איז בעסער ער זאָל זיך אײַנשליסן אין הימל און פֿאַרוואַרפֿן דעם שליסל : און פֿון דעמאָלט אָן איז דער הערגאָט פֿאַרבליבן אין הימל : אָן חשק[45] צו אַרבעטן און אָן ווילן צו **אַנטאַרבעטן**[46] דאָס אָנגעאַרבעטע :

1. MOYSHE Nadir (1885-1943) 2. considére/considered 3. tendres/tender 4. … IKER surtout/mainly 5. I'BERKHAZERUNGEN répétitions 6. TANAKH Bible juive/Jewish Bible 7. promenade/walk 8. offre/treat 9. bonbons/candies 10. néanmoins/nevertheless 11. souffre/suffer 12. KIMA'T presque/almost 13. supporter/tolerate 14. jambes/legs 15. … TFISES prisons de toile/prisons of cloth 16. SHO heures/hours 17. bout de dehors mis entre les murs/walled piece of outside 18. effort 19. m'habille/get dressed 20. rite de se rincer les doigts tous les matins/ritual handwashing every morning upon rising 21. m'étire/stretch 22. j'expédie (au lieu de la prière, mon journal matinal)/I hurry through (instead of my prayers, my morning newspaper) 23. journal/newspaper 24. coin/corner 25. ne semble pas/doesn't look like 26. *ici* un jour/ever 27. créé/created 28. couvert d'herbe/covered with grass 29. créatures 30. grouillent/swarm 31. KHAYES animaux/animals 32. à son image divine/in his own godly image 33. KLOYMERSHT soi-disant/supposedly 34. reflet/reflection 35. GAN-EYDN paradis/Paradise 36. baillait/yawned 37. se grattait/scratched itself 38. נעאָלאָגיזם פֿון דײַטש Herr Got 39. eut terriblement honte/was frightfully ashamed 40. cessé/stopped 41. Jehovah גאָטס נאָמען וואָס ווערט ניט געניצט אויף ייִדיש 42. effectivement/indeed 43. PONEM visage/face 44. cas/cases 45. KHEYSHEK envie/desire 46. défaire/undo.

# דרײַ פּאָרטרעטן

אַ פּאָעט שרײַבט שטענדיק וועגן זיך אַליין, אַ מאָל פֿאַרשטעלט[1] און אַ מאָל גאָר אָפֿן. אָט זײַנען דרײַ פּאָרטרעטן פֿון דרײַ באַוווּסטע ייִדישע שרײַבער. אַלע דרײַ האָבן עמיגרירט אין אַמעריקע אין די ערשטע יאָרן פֿון 20סטן יאָרהונדערט און געלעבט אין ניו־יאָרק. מאַני־לייב (פּען־נאָמען פֿון מאַני־לייב בראַהינסקי, 1883 – 1953) איז אַ וויכטיקער פֿאָרשטייער[2] פֿון דער גרופּע „די יונגע" וואָס האָט באַנײַט די ייִדישע פּאָעזיע אין די יאָרן פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה[3]. משה[4]־לייב האַלפּערן (1886 – 1932) איז אויך געווען נאָענט צו דער זעלביקער גרופּע, נאָר איז שטענדיק געגאַנגען זײַן אייגענעם גאַנג. ציליע דראַפּקין (1888 – 1956), אַ דיכטערין פֿון דער מאָדערניסטישער באַוועגונג „אין זיך", האָט אין די צוואַנציקער יאָרן געמאַכט אַ גרויסן רושם[5] מיט אירע לידער מיט אַ שטאַרקן עראָטישן אינהאַלט[6].

## מײַן פּאָרטרעט
### פֿון משה־לייב האַלפּערן

זומער־שפּרענקלעך[7] פֿיל ווי שטערן,
האָר געמישטע שוואַרץ מיט גרוי.
יאָ – אַז איך בין ניט קיין שיינער –
דאָס איז זיכער, שיינע פֿרוי.

ברייטע נאָז און טײַוולסברעמען[8],
ציין און ליפּן וועלפֿיש[9] ווילד ;
אָבער אויגן האָב איך בלויע –
אויגן בלויע, גוט און מילד[10].

ס'האָבן מײַנע פֿיס צום טאַנצן
ווייניק ווייניק וואָס טאַלאַנט –
און די גרויסע אויערן מײַנע
הערן מוזיק ווי די וואַנט[11] –

אָבער מיט אַ האַרץ וואָס האַמערט[12]
זינג איך מיר, ווי מיר געפֿעלט.
און צום האַמערטאַקט[13] פֿון האַרצן
טאַנצט די גאַנצע שיינע וועלט.

האָט דער אָדלער[14] פֿליגל גרויסע –
האָב איך ברייטע שטאַרקע הענט[15].
האָט דאָס לעבן קאַמף און ליבע –
האָב איך בלוט וואָס שרײַט און ברענט.



**אויטאָפּאָרטרעט פֿון משה־לייב האַלפּערן**

## איך האָב מײַן מאַמעס שוואַרצע האָר
### פֿון מאַני־לייב

איך האָב מײַן מאַמעס שוואַרצע האָר און גרינע אויגן,
מײַן טאַטנס איידעלע[16] און דינע הענט ;
און בלוט האָב איך אַזאַ, וואָס זינגט און ברענט,
דאָס בלוט פֿון מײַנע זיידעס, ייִדן בײַ דעם דניעפּר ;

און אויף מײַן קאָפּ – די נעכט, פֿאַרבראַכטע[17] מיט חבֿרים[18]
אין בענקשאַפֿט[19] נאָך דער צאַרטער[20], דינער לוסט[21] ;
און שאַרפֿע ציינער־צייכנס אויף מײַן ברוסט[22]
פֿון אַ פֿאַרטרויטער[23], ציטערדיקער[24] פֿרוי.

## מײַן מאַמע
### פֿון ציליע דראַפּקין

מײַן מאַמע,
אַ צוויי־און־צוואַנציק־יאָריקע,
אַן אַלמנה[25] מיט צוויי קליינינקע קינדער געבליבן,
צניעותדיק[26] האָט זי באַשלאָסן צו קיינעם אַ ווײַב מער ניט ווערן.
שטיל האָבן זיך אירע טעג און יאָרן געצויגן[27],
ווי פֿון אַ קאַרגן[28] וואַקסענעם ליכט[29] באַלויכטן[30].
מײַן מאַמע איז צו קיינעם אַ ווײַב ניט געוואָרן,
נאָר אַלע פֿילטעגיקע,
פֿיליאָריקע, פֿילנאַכטיקע זיפֿצן[31]
פֿון איר יונגן און ליבנדן וועזן[32],
פֿון איר בענקענדיק[33] בלוט,
האָב איך מיט מײַן קינדערשן האַרצן פֿאַרנומען[34],
טיף אין זיך אײַנגעזאַפּט[35].
און מײַן מאַמעס פֿאַרבאָרגענע[36] זודיקע בענקשאַפֿט[37]
האָט זיך, ווי פֿון אַן אונטערערדישן קוואַל[38],
פֿרײַ אין מיר אויסגעגאָסן[39].
איצט שפּריצט פֿון מיר אָפֿן
מײַן מאַמעס זודיקער, הייליקער,
טיף פֿאַרבאַהאַלטענער באַגער[40].

1. dissimulé/hidden, disguised 2. représentant/representative 3. MILKHOME guerre/war 4. MOYSHE 5. ROYSHEM impression 6. contenu/content 7. taches de rousseur/freckles 8. sourcils diaboliques/devlish eyebrows 9. de loup/wolfish 10. doux/mild 11. הערן ווי די וואַנט être sourd à/be deaf to 12. martèle/hammers 13. battement, cadence/beat 14. aigle/eagle 15. bras/arms 16. fins, délicats/fine, delicate 17. passés/spent 18. KHAVEYRIM amis/friends, *sing.* חבֿר KHAVER 19. nostalgie/yearning 20. tendre/tender 21. subtile volupté/fragile lust 22. poitrine/breast 23. confiante/trusting 24. frissonnant/trembling 25. ALMONE veuve/widow 26. TSNI'ESDIK chaste 27. étirés/dragged on 28. avare, insuffisant *ici* maigre/miserly, insufficient *here* poor, weak 29. bougie en cire/wax candle 30. éclairés/lit 31. soupirs/sighs 32. être/being 33. désirant/yearning 34. saisi, perçu/perceived, grasped 35. absorbé/absorbed 36. caché/hidden 37. désir brûlant/burning desire 38. source souterraine/underground spring 39. déversé/spilled over 40. désir/desire.

זינט 1991 עקזיסטירט אין עסטרײַך[1] אַ נײַער אַלטערנאַטיוו צום מיליטער־דינסט[2] : עס הייסט „געדענקדינסט“[3] און באַשטייט אין אַרבעטן לטובֿת[4] ייִדישע אינסטיטוציעס אַרום דער וועלט. יוליען טען[5], וואָס אַרבעט איצט אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער אין די ראַמען[6] פֿון „געדענקדינסט“, האָט אונדז געשריבן (אויף ייִדיש, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט הײַיאָר) וועגן זײַנע אײַנדרוקן[7].

# מײַן באַגעגעניש מיטן פּאַריזער ייִדיש־צענטער

## פֿון יוליען טען


יוליען טען

קיין סך מעגלעכקייטן זענען נישטאָ פֿאַר אַן עסטרײַכישן בחור[8] פֿון 18 יאָר : אָדער מע קלײַבט אויס אַ ציווילדינסט אין שפּיטאָל און מע ווערט פֿאַרנודזשעט[9], אָדער – פֿאַר די, וואָס שעפּן נחת[10] פֿון זיך לאָזן דערנידעריקן[11] – די אַרמיי. מע שטאַרבט סײַ ווי סײַ, אָדער פֿון לאַנגווײַל[12], אָדער, חלילה[13], אין קאַמף פֿאַרן פֿאָטערלאַנד ! איך האָב שוין געהאַט אָנגענומען מײַן גורל[14], ווען ס'האָט זיך באַוויזן אַ וועג צו אַנטלויפֿן : „געדענקדינסט“.

וואָס זשע איז דאָס ? ס'האַנדלט זיך וועגן אַן אָרגאַניזאַציע וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דעם פּראָבלעמאַטישן עסטרײַכישן „אַמאָל“[15]. ווי אַ טרוימער[16], האָט זיך דאָס לאַנד דערציילט גאָר אַ ווונדערלעכע מעשׂה[17] : ווי דער ערשטער קרבן[18] פֿון דער היטלערישער געוואַלד[19] אין מײַ 1938, וואָלט עסטרײַך ניט געדאַרפֿט זיך פֿילן פֿאַראַנטוואָרטלעך[20] פֿאַר די פֿאַרברעכנס[21], וואָס עסטרײַכער זענען באַגאַנגען אין זייער אייגן לאַנד און אומעטום אין אייראָפּע. עסטרײַך אַליין – אַ סימבאָל פֿון שלום[22] און שלווה[23] – וואָלט דאָך קיין מאָל נישט געווען מסוגל[24] צו טאָן אַזאַ שרעקלעכע זאַך ! בילדער פֿון בירגער, יובלענדיקע[25] לכּבֿוד[26] דעם „פֿירער“ אויף די גאַסן, ייִדן וואָס מע נייט[27] צו פּוצן דעם טראָטואַר – נישט מײַן דאגה[28] ? ס'איז יאָ מײַן דאגה !

ערשט אין די אַכציקער יאָרן האָט זיך אין עסטרײַך אַנטוויקלט אַן אמתדיק[29] באַוווסטזײַן[30] פֿון דער געשיכטע. די אָרגאַניזאַציע „געדענקדינסט“ איז אַ רעזולטאַט פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן דיאַלאָג. הײַנט צו טאָג שיקט זי אַרויס 20 יונגע מענטשן אויף אַ קײַלעכדיק יאָר[31] – אין אייראָפּע, צפֿון[32]־ און דרום[33]־אַמעריקע און ישׂראל[34]. סוף־כּל־סוף[35] האָט די מלוכה[36] באַשלאָסן אָפֿיציעל צו שטיצן אַזעלכע אונטערנעמונגען[37]. זינט 2005 זענען דאָ עסטרײַכער פֿרײַוויליקע[38] אויך אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער. זיי העלפֿן בײַ דער אַרבעט און באַווײַזן אַ שטאַרקן חשק[39] און ברענגען צו פֿרישע כּוחות[40]. אַ כּלל[41], מע האָרעוועט[42], פֿאַר אַ גוטן צוועק.

מײַן אַרבעט אינעם צענטער באַשטייט דער עיקר[43] אין העלפֿן די ביבליאָטעקאַרשעס. איצט קאָנטראָלירן מיר אַלע ביכער וואָס געפֿינען זיך אין דער ביבליאָטעק. דערצו פֿאַרנעם איך זיך מיט פֿאַרקויפֿן ביכער אויף אינטערנעץ. דערפֿאַר האָט יעדער קונה[44], וואָס האָט באַשטעלט[45] אַ בוך אינעם לעצטן יאָר, געהאַט צו טאָן מיט מיר. לאָמיר טאַקע האָפֿן, אַז זיי זענען געווען צופֿרידן ! דאָס אַלץ איז בלויז אַ טייל פֿון מײַן אַרבעט דאָ, נאָר אַלע קליינע אַרבעטן וואָלטן געווען צו פֿיל אויסצורעכענען. איך וועל בלויז דערמאָנען אַז כ'האָב אויך מיטגעאַרבעט מיט דעם „טרוים־טעאַטער“ (די טעאַטער־טרופּע פֿונעם ייִדיש־צענטער) און ס'איז פֿאַר מיר אַ פֿאַרגעניגן אײַך צו לאָזן וויסן אַז דער „טרוים־טעאַטער“ וועט שפּילן אין ווין – די הויפּטשטאָט פֿון מײַן היימלאַנד !

ס'איז געווען פֿאַר מיר זייער אינטערעסאַנט זיך צו לערנען ייִדיש, וואָס איז אַזוי נאָענט צו דײַטש. פֿאַרשטייט זיך, ייִדיש איז אַן אומאָפּהענגיק לשון[46]. פֿונדעסטוועגן דערשפּיר[47] איך עס מיט אַ שפּראַכלעכן חוש[48] וואָס איז נאָך אַלץ אַ דײַטשישער ! דאָס פֿירט צו אַ סך קאָמישע סיטואַציעס. אַ משל[49] : עמעצער זאָגט אַז מע דאַרף „אָנצינדן“[50] אַ קאָמפּיוטער. אויף דײַטש מיינט עס „אונטערצינדן“[51]. קען איך דעמאָלט ניט באַהאַלטן אַ גרויסן שמייכל, וואָס צעגיסט זיך מיר אויפֿן פּנים[52] : „און מיט וואָס ווילט איר, איך זאָל עס אָנצינדן, מיט אַן אָנצינדער[53] צי מיט שוועבעלעך[54] ?“, האָב איך חשק צו זאָגן. נאָר אַ דאַנק די חבֿרים[55] פֿונעם ייִדיש־צענטער וואָס האָבן מיר געלאָזט פֿאַרזוכן[56] פֿון זייער קולטור און שפּראַך און זען זייער ווונדערלעכע וועלט, האָב איך אַן אײַנדרוק אַז איך האָב דאָ אַנטדעקט אַ גרויסן אוצר[57] !


# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי.

Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

*מע קען אויך לייענען דעם ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com


1. Autriche/Austria 2. service militaire/military service 3. "service pour la mémoire"/Holocaust Memorial Service 4. LETOYVES au profit de/for the sake of 5. Julien Then 6. cadre/as part of 7. impressions 8. BOKhER garçon/boy 9. s'ennuie/get bored 10. ... NAKhES prennent plaisir/take pleasure 11. humilier/be humiliated 12. ennui/boredom 13. KhOLILE Dieu nous en préserve/God forbid 14. GOYRL destin/fate 15. passé/past 16. rêveur/dreamer 17. MAYSE conte/tale 18. KORBN victime/victim 19. violence 20. responsable/responsible 21. crimes 22. ShOLEM paix/peace 23. ShALVE sérénité/serenity 24. MESUGL capable 25. jubilant/cheering 26. LEKOVED en l'honneur de/in honor of 27. oblige/are forced 28. DAYGE problème/problem 29. E'MESDIK véritable/genuine 30. conscience/conciousness 31. אַ גאַנץ יאָר 32. TSOFN du Nord/North 33. DOREM du Sud/South 34. YISROEL 35. SOFKLSOF finalement/finally 36. MELUKhE État/state 37. entreprises/ventures 38. bénévoles/volunteers 39. KhEYShEK envie/desire 40. KOYKhES forces 41. AKLAL bref/in short 42. trime/work hard 43. ... IKER principalement/mainly 44. KOYNE client/customer 45. commandé/ordered 46. ... LOShN langue indépendante/independent language 47. ressens/feel 48. KhUSh sens/sense 49. MOShL exemple/example 50. allumer/turn on 51. mettre le feu/make a fire 52. PONEM visage/face 53. briquet/lighter 54. allumettes/matches 55. KhAVEYRIM amis/friends 56. goûter/taste 57. OYTSER trésor/treasure.